## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



**שבת הגדול**: איך זאג אייך, פאניע קורצער פרייטאג, ס׳איז א שאד, וואס היטלער איז נישט קיין פרוי.

**קורצער פרייטאג**: נו, וואס וואלט געווען?

**שבת הגדול**: וואלט ער חתונה געהאט מיטן ענגלישן קעניג עדוארד דעם 8־טען און עס וואלטען נישט געדארפט פלירטעווען צוויי מאנטפערטווינען!...

---

### א דאנק דער פריסטעראווע

זאגט מיין ווייבעל מייטע:
אז די צוויי גזירות,
פון די ענדעקישע תורות,
אויף בשר וחלב איינם נאך די צווייטע
האבען אין זיך א גרויסע מעלה,
זיי וועלען איהר פערשפארען צו פרעגען ביים רב א שאלה,
יעצט וועט זי זיין נישט מילכיג נישט פליישיג
און פטור אנ׳עסק.

---

### צוליב קאנקורענץ

— פאר וואס לידען נישט די ענדעקעס די יודישע שוחטים?

— ווייל יודישע שחיטה איז זייער ספעציאליטעט.

א. איטקין

---

## קלאג־ליד
### פון א לאדזער סוחר

ארבייט מען אנ׳ארטיקעל אויפן ווינטער
און מען ווארט אויף פרעסט און שנייען
קומען גאר היצען אונטער,
כאטש נעהם און בעקעלם איין.

---

ארבייט מען אנ׳ארטיקעל אויפן זומער
און מען ווארט אויף היצען
קומען אונטער פרעסט און שנייען
אז מען דארף נאר קאלאשען און פעלצען!

---

און אז נאט גיט שוין דאס אמת׳ע וועטער
און אלעס איז שוין אין גוטען
האסטו נאר א נייע מעלה
מיט א שטרייק אין מיטען.

קאפריזנער

---

# פייטשע׳ס מפל־ה
## א מעשה שהיה פון א זאזדראסנע ווייבער

פרוי פייטשע פעפערמינץ ליגט אויף דער קאנאפע און טראכט וועגען איהר מאן, וואוטשעלע, פלוצים עס קומט ארויין דער בריף־טרעגער מיט א בריף. פרוי פייטשע לייענט און עס ווערט איהר פינסטער פאר די אויגען.

„פרוי פעפערמינץ, איהר זעהט נישט, וואס ארום אייך טוט זיך. ווי אייער מאן פערראט אייך אויף א מיאוס׳ען אופן, און מיט וועמען? מיט אייער שכנ׳טע פון צווייטען שטאק. די רעכטע טיר ביי די טרעפען, מיעשקאניע 6!

פרוי פעפערמינץ, לייענענדיג די ווערטער, האט געהאט בעשלאסען צו חלש׳ן, נאר אזוי ווי זי האט נישט געהאט נאך וועמען, ווייל קיינער אויסער איהר איז אין שטוב נישט געווען — האט זי אנ׳איינגעקאכטע נעשלאסען די וואוינונג, און זיך ארויפגעלאזט צו דער נעמינער שכנ׳טע, כדי איהר אייסצודראפען די אויגען, אויסרייסען די קודלעס און איהר אנשפייען אין פיסק אריין.

זי איז ארויף א שטאק העכער און אנגעקלאפט האסטיג און מיט א שרעקליכען כעס.

עס האט געעפענט די טיר א יונגער, שעהנער ברונעטער מאנספערשוין.

— איז אייער פרוי אין דערהיים? — האט זי געפרעגט, כמעט ווי מיט א קוויטש.

דער יונגער, שעהנער ברונעט האט זי אפגעמאסטען פון אויבען ביז אראפ און געענטפערט מיט א פאר שמייכלענדיגע אויגען:

— לוידער נישט.

— אויב אזוי — מוז איך מיט אייך רעדען, מיין הער.

— ביטע, ערלויבט אריין, — האט ער זי איינגעלאדען.

זי איז אריין און ארוים מיט דער באמבע.

— איהר וואלט וויסען, אז אייער פרוי פערראט אייך!

— אזוי? מיט וועמען?

— מיט מיין מאן.

— הם... איז וואס, געעהרטע מאדאם, רעכענט איהר צו טון?

— צו נעהמען נקמה.

— אויף וואס פאר אנ׳אופן?

— דורך אפצאהלען מיט דערזעלבער מטבעה.

— איהר זענט נישט אומגערעכט.... אבער, ווי אזוי רעכענט איהר דאס אויסצופיהרען?

— עס ווענדט זיך אין אייך.... איך מיין.... גלייכצייטיג וואלט איהר דאך אויך גענומען נקמה אין אייער פעררעטערין....

ער האט א ווארף־געטון א שארפען, הונגעריגען בליק אויף דער נקמה־נעהמערין און, ווען זי איז נאך דעם „נקמה־נעהמען" אוועקגעגאנגען און זיך מיט איהם אפגערעדט מארגען ווידער פארטצוזעצען די נקמה — האט זי זיך אפגערופען צום סוף:

— און וואס וועסטו זאגען דיין פרוי?

— דער פרוי? — גארנישט.

— וואס הייסט, גארנישט?

— נו, גארנישט.

— וועסט זי נישט אויסזידלען?

— ניין.

— וועסט זי נישט אויספאטשען? נישט ארויסווארפען?

— ניין.

— אזוי רוהיג וועסטו דאס דורכלאזען?

— יא.

— פארוואס?

— דערפאר, מיין זיסענקע, ווייל.... איך האב נישט קיין ווייב.... איך בין א בחור.

---

### סאקראטעטעס חכמות

**מאן**: דיינע בעלער מיט די מאדעס ברענגען מיך צום אפגרונט.

**ווייב**: האסט נישט געפינען קיין אנדער צייט צו קלאגען נאר היינט, אין מיין געבורטסטאג?

**מאן**: אויף וואס דען זאל איך קלאגען נישט אויף דיין געבורטסטאג?

---

— וואס ביסטו אזוי סמוטנע?

— מיין יונג־ווייבעל רייסט אין שינד פון מיר ס׳בשר.

— זי איז גערעכט, ווייל זי ריכט זיך אויף א פליישלאזען חודש.

---

זאגט א סוחר: פון די אלטע שטייערן בין איך אלט און קראנק. און די נייע בעגראבען מיך.

---

### דאס אויספרובירטע מיטעל

ווען מילעכצט צו רעגירען
אין פוילען דעם בעניימען
מוז מען גוט קאנען אויפן
אנטיסעמיטישען פערדעל רייטען.

א. איטקין

---

## פייטעל און טרייטעל



**פייטעל**: וואס זאגסטו, טרייטעל, צו דעם איצטיגען שפיל פון ענגלאנד מיטן דייטש?

**טרייטעל**: איך זאג, אז איין האנד וואשט די צווייטע, נאר „ריין" זענען זיי ביידע נישט.

---

### נישט קיין נייעס

— מיט וואס איז א היינטיגער סוחר גלייך מיט א טאג־צייטונג?

— ביידע ארבייטען און מאכען מיט די זייטען.

— דער חילוק איז נאר:

— ביי דער צייטונג איז אלע טאג דא נייעס און ביים סוחר איז עס נישט קיין נייעס.

א. איטקין

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב — נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 75 | פרייטאג, דעם 27 מערץ 1936

## דער צעבראכענער שארבען




סיים־ספעציאליסטען: ער איז טאקע א קאליקע, אבער מעלקען קען מען איהם נאך...

